# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת ויחי | שנת תשע"ב לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ויקח יוסף את שניהם את אפרים בימינו משמאל ישראל ואת מנשה בשמאלו מימין ישראל וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים ואת שמאלו על ראש מנשה:** צריך להבין באיזה סברא נחלקו יעקב ויוסף?

וי"ל דהנה יוסף הצדיק הי' סברא שלו דמי שהוא רוצה לעשות תשובה צריך מקודם לתקן מה שעוות, ואח"כ יתחיל לעשות מצות ומעשים טובים, אבל יעקב אבינו ע"ה היה לו סברא אחרת דמי שהוא רוצה לעשות תשובה יעשה מכאן ולהבא מצות ומעשים טובים ולא ימתין עד שיתקן מקודם מה שעוות.

לכן לקח יוסף את אפרים בימינו משמאל ישראל, ואת מנשה בשמאלו מימין ישראל כדי שיברך את מנשה בימין שלו, כי **מנשה** הוא מלשון **כי נשני אלקים את כל עמלי**, כי סבר כי מדריגת מנשה הוא עיקר, לתקן מקודם מה שחטא ולשכוח ממעשים הרעים, אבל יעקב אבינו ע"ה שכל את ידיו וישת ימינו על ראש אפרים כדי לברך את מדריגת **אפרים** עיקר שהוא מלשון **פרה ורבה**, שאם רוצה לעשות תשובה ירבה בתורה ומצות מהיום והלאה ולא ימתין עד שיתקן מה שחטא.

(דברי יחזקאל)

## דרש דרש

**ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם וגו':**

רש"י זאגט "**בקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה**". ענליך זאגט די גמ' אין פסחים (דף נ"ו ע"א) **ביקש יעקב לגלות את הקץ, ונסתלקה ממנו שכינה, אמר שמא ח"ו יש במטתי פסול, אמרו לו בניו שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד.** דאס ענין דארף א ביאור.

ענטפערט דער **ניצוצי שמשון**, ווייל לכאורה איז באקאנט די קשיא פארוואס זענען די אידישע קינדער געווען אין מצרים 210 יאר. ווערט געברענגט א תירוץ ווייל די שבטים האבן פארקויפט יוסף האבן זיי געמאכט א פגם אינעם שם 'א-ה-י-ה', וויבאלד זיי זענען געווען 9 שבטים און זיי האבן מצרף געווען כביכול איז אינאיינעם 10, און דער שם א-ה-י-ה איז בגי' 21. און 10 מאל 21 איז 210 וועגן דעם זענען זיי געווען אזויפיל יאר אין גלות, כדי מתקן זיין דעם חטא.

יעקב האט אבער נישט געוואוסט אז זיי האבן מצרף געווען כביכול, האט ער גערעכנט אז מ'האט נאר 9 מאל פוגם געווען אינעם שם אהי"ה וואס באטרעפט 189, האט ער פארשטאנען אז צו 190 יאר, וועט שוין זיין די גאולה.

דאס איז דער פשט אין די גמרא, **בקש יעקב לגלות את הק"ץ**, יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין אז ביי **ק"ץ** שנה וועט זיין די **גאולה**, פארוואס האט ער אזוי געמיינט? ווייל **נסתלקה ממנו שכינה**, ער האט נישט געוואוסט אז די שבטים האבן מצרף געווען די שכינה, האט ער געפרעגט **שמא יש פסול ביניכם**, אפשר האט עטס נאך א עבירה וואס וועגן דעם וועט עטס נישט ארויסגיין באצייטנס פון גלות.

אויף דעם האבן זיי געענטפערט "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**", אז זיי האבן נישט געטון נאך עבירות, נאר וויבאלד מען האט מצרף געווען די שכינה איז געווארן 210.

**אנא שא נא פשע אחיך וחטאתם כי רעה גמלוך וגו' שא נא לפשע עבדי אלקי אביך:** לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי איז שייך צו שרייבן דעם לשון **גמלוך** אויף שלעכטס, די לשון קומט אויף טוען גוטע זאכן אזוי ווי מען זאגט הגומל חסדים טובים.

ענטפערט **דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע** אז די הייליגע שבטים האבן דא געוואלט מרמז זיין פאר יוסף הצדיק אז אפילו זיי האבן אים געטוען א שלעכטס אז זיי האבן אים פארקויפט קיין מצרים און ער איז דארט אדורך שווערע נסיונות, דעסטוועגן דאך איז פון דעם ארויסגעקומען זייער א גרויסע טובה פאר אים, אז דורך די אלע נסיונות וואס ער איז בייגעקומען דעם יצר הרע איז ער דערהויבן געווארן צו ווערן די פערטע פיס כביכול צום כסא הכבוד, ווייל פאר ער איז געקומען קיין מצרים איז געווען נאר דריי פיס פון ארי' נשר אדם, און יעצט איז געווארן א פערטע פיס פון שור וואס דאס איז א רמז אויף יוסף אזוי ווי עס שטייט **בכור שורו הדר לו.**

דאס האבן זיי אים געזאגט **אנא** אז קודם איז געווען נאר **אנא** אינעם כסא הכבוד, וואס דאס איז ר"ת **ארי' נשר אדם**. און יעצט איז געווארן **שא נא** וואס איז ר"ת **שור ארי' נשר אדם**, דאס קומט דורך **פשע אחיך וחטאתם**, זייער עבירה וואס זיי האבן אים פארקויפט און דורך דעם איז ארויסגעקומען אז **כי רעה** דורך די שלעכטס איז געווארן **גמלוך** א גוטע זאך א גמילות חסד.

האבן די שבטים ווייטער געזאגט אז יעצט ווען מען זעהט אז עס איז דא אינעם כסא הכבוד **שא נא** וואס דאס איז ר"ת **שור ארי' נשר אדם**, וואס איז געקומען דורך **לפשע עבדי**, די עבירה פון די שבטים, זעהט מען יעצט אז **אלה"י אבי"ך** וואס דאס איז ר"ת **א'י ל'או ה'אי י'ומא כ'מה י'וסף א'יכא ב'שוקא**, דאס מיינט אז ווען נישט מען פארקויפט דיך וואלסטו נישט געווען מער חשוב ווי א אנדערע יוסף אויפן גאס, נאר יעצט דורכן פארקויפן ביסטו געווארן זייער חשוב.

## מילי דרמיזא

**א-ל שדי נראה אלי בלוז ויברך אותי:**

דער **חתם סופר** זי"ע זאגט אז די אותיות פון די ווערטער **א-ל ש-ד-י** איז די זעלבע אותיות ווי **ישרא"ל** (די ד' מיטן ר' זענען זיך מתחלף).

**יעק"ב** באטרעפט **קפ"ב**, **א-ל שד"י** באטרעפט 345 ביידע אינאיינעם באטרעפט 527, פעלט נאך פערצן צום מספר **ישראל**, די פערצן זענען די צוועלף שבטים מיט מנשה ואפרים.

וועגן דעם ווען יעקב האט געוואלט צולייגן מנשה ואפרים צו די שבטי י-ה האט ער געזאגט פארוואס עס פעלט אים אויס, ווייל **א-ל שד"י נראה אלי**, אז ער וויל מצרף זיין דעם א-ל שד"י מיט זיין נאמען יעק"ב כדי עס זאל קענען צוקומען צום מספר **ישראל**, דארף ער האבן נאך פערצן, וועגן דעם נעמט ער צו מנשה ואפרים צום מספר פון די צוועלף שבטים.

# בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לעניניא דיומא

## עשרה בטבת

היינטיגן דאנערשטאג געפאלט דער **תענית עשרה בטבת** איז די צייט אויסצושמועסן א אינטערעסאנטע זאך בנוגע די תעניתים וואס חז"ל האבן מתקן געווען.

איבערן יאר האבן מיר פארשידענע תעניתים: **יום הכיפורים** וואס איז א דאורייתא **עשרה בטבת תענית אסתר, י"ז בתמוז, תשעה באב, צום גדלי'.**

וועלן מיר דא אויסשמועסן א אינטערעסאנטע זאך אז עס איז דא פיר באזונדערע הלכות וואס איז נוגע צו די תעניתים ווען עס איז חל בשבת.

**יום הכיפורים:** די הלכה איז ווען יום כיפור געפאלט אין שבת, איז **יוהכ"פ דוחה שבת**, און מ'פאסט.

(ס'איז באקאנט אז דער הייליגער **ריזשינער זי"ע** איז געפארן צום **אפטער רב זי"ע**, דער אפטער רב האט געהאט א מנהג צו עסן א סעודה רחבה שב"ק, און דער ריזשינער האט זייער וויניג געגעסן. און לכבודו פונעם ריזשינער האט דער אפטער רב אויך כמעט גארנישט געגעסן, ווען דער ריזשינער האט זיך געוואונדערט דערויף, האט אים דער אפטער רב געזאגט אז דער שב"ק האט פאר יעדן א מאס וויפיל ער טרעט אפ פאר אים, פאר ר"ח גיט ער איבער דעם "**יעלה ויבא**" וכדומה, ווען עס קומט דער הייליגער יום כיפור טרעט ער אף פאר אים אינגאנצן, ער איז מוותר אפילו אויף די סעודות, ממילא אז עס קומט א גאסט ווי דער הייליגער ריזשינער, וואס איז בבחינת יום כיפור, טרעט ער אויך אף פאר אים אינגאנצן אפילו די סעודות).

**י"ז בתמוז** און **תשעה באב** וואס געפאלט אין שבת שטופט מען אפ אויף זונטאג. אזוי ווי די גמרא זאגט אין מגילה (דף ה') **אקדומי פורענות לא מקדמי**.

**תענית אסתר** וואס געפאלט אין שבת רוקט מען צוריק אויף דאנערשטאג. ווייל מען קען נישט אפשטופן אויף נאך שבת, וויבאלד א טאג שפעטער איז דאך פורים, און צוריק רוקן אויף פרייטאג טוט מען אויך נישט, ווייל פרייטאג ערב שבת איז נישט קיין זמן וואס מען קען מרבה זיין מיט תחנונים, דעריבער איז מען דאס מקדים אויף דאנערשטאג.

**עשרה בטבת:** קען נישט אויספאלן שבת, אבער דער **בית יוסף** (או"ח סי' תק"נ) ברענגט בשם אבודרהם, אז ווען עס וואלט ווען געקענט אויסגעפאלן שבת, וואלט מען ווען געפאסט. ער לערנט דאס ארויס פון א פסוק (יחזקאל כ"ד ב') בעצם היום הזה, אזוי ווי ס'שטייט ביי יוהכ"פ, לערנט מען ארויס אזוי ווי יוכ"פ איז דוחה שבת, אזוי איז ביי עשרה בטבת, והא ראי' אז ווען עס געפאלט אין פרייטאג פאסט מען טאקע פרייטאג, כאטש מיר האבן געשמועסט אז תענית אסתר רוקט מען נישט אויף פרייטאג, איז עשרה בטבת פיל הארבער ווי די אנדערע תעניתים. אינטערעסאנט איז אז רש"י (מגילה דף ה' ע"א ד"ה אבל זמן) רעכנט יא אויס עשרה בטבת צווישן די תעניתים וואס אויב עס געפאלט שבת שטופט מען דאס אפ אויף זונטאג.

# מילי דשמעתתא

ענינים מפרשת השבוע שלמדנו במס' קידושין פרק האיש מקדש

## קטנה שנתקדשה

רש"י ברענגט אראפ די וואך אין די סדרה דעם מאמר חז"ל (תענית דף ה' ע"ב) **יעקב אבינו לא מת.**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט א שיינעם הסבר אויף די גמרא, בהקדם דעם מדרש אויפן פסוק **ויחן שם ישראל נגד ההר, ישראל סבא,** אז יעקב אבינו איז געווען ביי מתן תורה.

אין ספר **נחלת בנימין** איז ער מסביר פארוואס יעקב אבינו האט געדארפט זיין ביי מעמד הר סיני, ווייל אידישע קינדער זענען דארט מקודש געווארן פארן אייבערשטן, די גמרא זאגט אין מס' שבת (דף פ"ט ע"א) אז מתן תורה איז געווען בכפי' קומט אויס אז אידן זענען מקודש

נאר מיר האבן געלערנט אז א טאטע קען מקבל זיין קידושין פאר זיין טאכטער שלא מדעתה, וועגן דעם האט יעקב אבינו געדארפט דארט שטיין ביי מתן תורה צו נעמען די קידושין פאר אידישע קינדער.

דאס איז דער טעם פארוואס **יעקב אבינו לא מת** כדי אז ער זאל קענען מקבל זיין די קידושין פאר אידישע קינדער, אזוי האט געקענט זיין מעמד הר סיני ביי כלל ישראל אפילו עס איז געווען שלא מדעתם.

# ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

יעקב אבינו האט געבענטשט מנשה און אפרים מיט די ברכה פון **וידגו לרוב בקרב הארץ**. דרש'ענען חכמינו ז"ל **מה דגים שבים מים מכסים עליהם ואין עין רעה שולטת בהם, אף זרעו של יוסף אין עין רעה שולטת בהם.**

אזוי אויך לערנען מיר די וואך די ברכה וואס יעקב אבינו האט געגעבן פאר יוסף **הצדיק בן פורת יוסף בן פורת עלי עין**, אז יוסף הצדיק איז העכער פונעם אויג, זאגן חכז"ל אז עס איז נישט שולט קיין עין הרע אין די קינדער פון יוסף הצדיק.

**וואס איז דאס אן עין הרע?**

דער **ווילנער גאון ז"ל** (אבן שלמה פ"י אות כ"ב) איז מסביר אז דער כח הראי' פון א מענטש איז א רוחניות'דיגע זאך, און דאס איז די סיבה פארוואס א ניי געבוירן קינד זעהט נאכנישט, און נאר צוביסלעך הייבט עס אן צו זעהן אלס מער, ווייל צו קענען זעהן דארף מען האבן דעת, און ווי מער דער דעת ווערט געשטארקט ווערט געשטארקט דער חוש הראי'.

דער **אור החיים הקדוש** (דברים ל"ב) איז מסביר מיט דעם פארוואס דער שווארץ-אפל פון אויג קען מען נישט צורירן מיט די פינגער, ווייל די ראי' איז א העכערע זאך, און עס איז בכלל נישט קיין דבר גשמי. און טאקע וועגן דעם האט די ראי' א כח צו שעדיגן פונדערווייטנס בלויז מיטן קוקן.

דער **יעב"ץ** (בפי' על מעמדות יום א' כלים י"ז משנה י"ד) **ברענגט** אז אין ארצות תורגמא האט מען זיך געפירט אז מ'האט אויפגעהאנגען א איי פון א בת היענה אין ביהכנ"ס, ווייל די טבע פון א בת היענה איז אז זי ליגט נישט אויף אירע אייער, נאר מיטן קוקן דערויף פונדערווייטנס קראכט דאס אויף און עס ווערן געבוירן די פרישע עופות. ממילא הענגט מען אויף די איי אין ביהמ"ד צו דערמאנען די מתפללים ווי שטארק עס איז דער כח הראי', און ביים דאווענען זאל מען נישט ארויסקוקן פון סידור, נאר מצמצם זיין די מחשבה און כוונה.

אין דברי חכמינו ז"ל זעהן מיר עטליכע מאל דעם אויסדרוק **יהבו בי' רבנן עיניהו**, אז ווען עס איז געווען א דבר חידוש, און מ'האט געקוקט דערויף מיט התפעלות האט דאס געשאדט פאר דעם מענטש, ווייל א אויג האט א כח צו קענען מזיק זיין.

**ווי אזוי באהיט מען זיך פון א עין הרע?**

וועגן דעם זאגן טאקע די ספה"ק אז א מענטש דארף זיין איינגעהאלטן און זיך נישט ארויסווייזן מיט זיינע מעלות, כדי נישט צו ברענגען אויף זיך א עין הרע.

אין ספר **פלא יועץ** (אות ע') שרייבט ער: "**עין הרע הוא מהדברים שמוציאין את האדם מן העולם**, עין הרע איז פון די זאכן וואס זענען גורם אז מענטשן זאלן שטארבן, **וידוע מאמר ז"ל תשעים ותשעה מתים בעין הרע ואחד בדרך ארץ**, חז"ל זאגן אז נאר איינס פון הונדערט שטארבט נאטורליך, און די איבריגע 99 שטארבט פון עין הרע, **וצריך האדם לשמור מאד כאשר יוכל**, א מענטש זאל זיך אכטונג געבן דאס מערסטע וואס ער קען **דהיינו שלא יתראה לא בחכמתו ולא במעשיו ולא בעשרו וכו'** אז ער זאל זיך נישט ווייזן נישט מיט זיין חכמה, נישט מיט זיינע גוטע מעשים, און נישט מיט זיין רייכקייט, **וגם לא יעמוד על טובת חבירו וכו'** אויך זאל ער נישט רעדן צופיל פון זיין חבר'ס גוטסקייט **ואם יתגלגלו הדברים שיזכיר שבח וטובת חבירו תיכף יברכהו שלא ישלוט בו עין הרע**" אויב איז אויסגעקומען אז ער האט יא גערעדט פון יענעמס מעלות און גוטסקייט זאל ער באלד זאגן "בלי עין הרע".




אין ילקוט **מעם לועז** זאגט אן עצה אז מ'זאל נישט געשעדיגט ווערן פון א עין הרע, ווייל יוסף הצדיק האט זוכה געווען צו די ברכה פון **עלי עין** ווי חז"ל זאגן **לפי שלא נשא עיניו לראות בפניה של אשת פוטיפר**, ער האט נישט אויפגעהויבן די אויגן צו קוקן אויף אשת פוטיפר, און אויך ווען מ'האט אים ארומגעפירט אין מצרים אלס משנה למלך זענען די בנות מלכים געקראכן אויף די מויערן אים צו זעהן, און ער האט געהאלטן הייליג זיינע אויגן און נישט געקוקט אויף קיינעם, בשכר זאת קען אויף איהם נישט שאטן קיין עין הרע. אזוי אויך איז ביי יעדן איינעם וואס היט זיינע אויגן בקדושה און ער קוקט נישט וואו מ'טאר נישט, איז ער זוכה אז עס זאל אויף אים נישט שאטן קיין עין הרע.